**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט ניו יארקער איבער לעצטיגע העכערונג אין קאוויד-19 אקטיוויטעט**

***האספיטאליזאציעס האבן זיך פארמערט פארגליכן צו די זעלבע צייט אפשניט לעצטע זומער, אבער בלייבט פיל נידעריגע ווי די ראטעס וואס איז געזען געווארן דורך די זעלבע צייט אפשניט אין 2022***

***ניו יארקערס ווערן דערמאנט פון די לעצטיגע קאוויד-19 אנווייזונגען***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געגעבן א אפדעיט אויף קאוויד-19 ווען נייע וואריאנטן געבן צו צו פארמערטע האספיטאליזאציעס אין געגנטער פון ניו יארק סטעיט און ארום די לאנד. מיט פארמערטע סאציאלע צאמקונפטן דורכאויס די זומער מאנאטן, און הויכע טעמפעראטורן וואס האלטן מענטשן אינדערהיים, דערמאנט די גאווארנער ניו יארקערס זיך צו טעסטן אויב זיי האבן סימפטאמען, נאכפאלן די געוועגליכע מאסנאמען אריינרעכענעדיג יעצטיגע CDC אנווייזונגען, בלייב היינטיג מיט קאוויד-19 וואקסינעאון זורדי ריכטיגע באהאנדלונגאויב נויטיג.

"כאטש מיר זענען פיל נידעריגער ווי די צאל געזען דורך די פאנדעמיע, קוקן מיר שטארק נאך אקטיוויטעט איבער די לעצטיגע וואריאנטן," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "ביים נאכפאלגן די אנווייזונגען און נעמען איינפאכע מאסנאמען, קענען ניו יארקערס ווייטער הנאה האבן פון א פארזיכערטע און געזונטע זומער."

קאוויד-19 האספיטאליזאציעס זענען פיל העכער ווי וואס איז געזען געווארן די צייט א יאר צוריק, אבער פיל נידעריגער ווי די צייט אין 2022.

- **אום יולי 3, 2024**, איז די זיבן-טאג דורכשניט פאר ניי געמאלדענע קאוויד-19 שפיטאל אנגעבונגען דורכאויס די סטעיט געווען **0.72 פער 100,000 איינוואוינער.**
- **אום יולי 3, 2023**, איז די זיבן-טאג דורכשניט פאר ניי געמאלדענע קאוויד-19 שפיטאל אנגעבונגען דורכאויס די סטעיט געווען **0.31 פער 100,000 איינוואוינער.**
- **אום יולי 3, 2022**, איז די זיבן-טאג דורכשניט פאר ניי געמאלדענע קאוויד-19 שפיטאל אנגעבונגען דורכאויס די סטעיט געווען **1.66 פער 100,000 איינוואוינער.**

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט קאמישענער דר. דזשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "מיר זענען א פארמערונג אין אנגעבונגען צו שפיטעלער, אבער אונטער פאריעריגע פארמערונג. ווען מענטשן גייען אריין צו אנטלויפן פון די היץ,פארמערט זיך די איבערגעבונג. דאס איז א גוטע געלעגנהייט צו דערמאנען מענטשן צו פארבעסערן אינוווייניגסטע ואויסלופטערונג ווען מעגליך. דערצו, די סטענדיג ארדער וואס איך האב אונטערגעשריבן לעצטע יאר איז נאך אין עפעקט, אזוי אז ווער עס וויל א אפדעיטעט וואקסין קען באקומען איינס אין זייער פארמעסי."

צו זען יעצטיגע קאוויד אנווייזונגען, זע דא און דא.

אונטער גאווארנער האקול'ס פירערשאפט, נעמט ניו יארק סטעיט ווייטער שטארקע מיטלען נאכצוקוקען און מילדערן די פארשפרייטונג פון קאוויד-19.

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט גייט ווייטער נאך די צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention – CDC) קאוויד-19 איזאלאציע אנווייזונגען קען געטראפן ווערן דא.

קאוויד-19 טעסטס פאר הײמבאנוץ בלייבן צו ערהאלטן ביי פילע לאקאלע פארמעסיס דורכאויס די סטעיט. ניו יארקערס קענען אויך טרעפן די יעצטיגע קאוויד-19 וואקסין סייטס דא.

די אויסגעשפרייטע מעגליכקייט פון זיך אונטערזוכן אינדערהיים האט געברענגט א באדייטנדע נידערונג אין טעסטס וואס ווערן געשיקט צו לאבערראטאריעס. אונטערזוכערס ביי ניו יארק סטעיט'ס וואקסוואטער לעב פארלאזן זיך יעצט מער אויף אפפאל וואסער אנאליזן פארן נאכקוקן דאס ארומגיין פון קאוויד-19. פעדעראלע און סטעיט אפפאל וואסער אבזערווירונג ווייזט די וואקסנדע אנוועזנהייט פון נייע וואריאנטן סיי אין ניו יארק און דורכאויס די לאנד, וועלכע איז באטראכט צו זיין איינס פון פארשידענע מעגליכע אורזאכן פון די יעצטיגע אנטוויקלונגען אין קאוויד-19 פעלער און האספיטאליזאציע ראטעס, אריינרעכענדיג פארמערטע רייזעס און סאציאלע צוזאמקונפטן.

מענטשן וואס האבן סימפטאמען זאלן זיך אונטערזוכן פאר קאוויד-19, און די וואס זענען פאזיטיוו זאלן זיך פארבינדן מיט זייער געזונטהייט פראוויידער איבער מעגליכע באהאנדלונגען, וועלכע זענען געפרובט געווארן צו זיין עפעקטיוו צו פארמינערן די מעגליכקייט פון ערנסטע רעזולטאטן. ניו יארקערס וואס האבן א שוואכערע אימיון סיסטעם, האבן לונג אדער הארץ צושטאנדן, אדער אנדערע ריזיקע פאקטארן, און די וואס זענען עלטער, זענען ספעציעל געמוטיגט צו דורכרעדן קאוויד-19 באהאנדלונגען מיט א געזונטהייט פראפעשענאל. מענטשן וועלכע טעסטן פאזיטיוו זאלן זיך אויך פארמיידן פון קומען אין בארירונג מיט אנדערע, אריינרעכענענדיג דורכן בלייבן אינדערהיים און נישט גיין צו די ארבעט, אין סקול און צו אנדערע געזעלשאפטליכע אקטיוויטעטן.

די קאוויד-19 וואקסין בלייבט איינס פון די בעסטע אפהאלטונג שריט און איז באוויזן געווארן צו פארמינערן די ריזיקע פון ערנסטע קראנקהייט. סיי ווער עס האט נאך נישט באקומען די קאוויד-19 וואקסין אדער בוסטערס איז געמוטיגט אזוי צו טון. פאר מער אינפארמאציע אויף די לעצטיגע CDC אנווייזונגען אויף וואקסינען, באזוכט דא.

אונטער די אפארדעבל קעיר עקט, וועלן מערסטע געזונטהייט פארזיכערונג פלענער דעקן די קאסטן פון קאוויד-19 וואקסינען, אן צו דארפן צוצאלן. מענטשן וועלכע האבן נישט קיין אינשורענס אדער אזעלכע וואס זייער אינשורענס דעקט נישט דעם איבערגעארבעטן וואקסין וועלן קענען באקומען די איינשפריצונגען אומזיסט דורך קאמיוניטי העלט צענטערן; לאקאלע, שבטים'דיגע אדער טעריטאריאלע העלט דעפארטמענטס; און דורך פארמאסיס וועלכע באטייליגן זיך אין דעם HHS 'בריק צוטריט פראגראם' (Bridge Access Program).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK

צו 81336

זיך ארויסשרייבן